# טשיקענפאקס וואקסין

## וואס איר דארפט וויסן

נאך וואקסין אינפארמאציע איז דא צו באקומען אין ספאניש און אין אנדערע שפראכן. זעהט www.immunize.org/vis.
Many Vaccine Information Statements are available in Spanish and other languages. See www.immunize.org/vis.

## 1 פארוואס ווערן וואקסינירט?

טשיקענפאקס (וועלכע ווערט אויך גערופן וועריסעלע) איז א אפטע קינדער קרענק. געווענליך איז עס מילד, אבער עס קען זיין ערנסט, ספעציעל אין פיצלעך קינדער און ערוואקסענע.

- עס פאראורזאכט אן אויסשלאג, קראצעניש, פיווער אין מידקייט.
- עס קען פירן צו ערנסטע הויט אינפעקציעס, הויט-פלעקן, לונגען אנצינדונג, מח שאדן אדער טויט.
- די טשיקענפאקס ווירוס קען פארשפרייט ווערן פון מענטש צו מענטש דורך לופט, אדער דורך פארבינדונג מיט טשיקענפאקס בליסטערס פליסיקייט.
- א מענטש וועלכע האט טשיקענפאקס קען באקומען א ווייטאגליכע אויסשלאג וואס ווערט אנגערופן שינגלעס, אסאך יארן שפעטער.
- איידער די וואקסין, פלעגן ארום 11,000 מענטשן ווערן האספיטאליזירט יערליך פון טשיקענפאקס אין די פאראייניגטע שטאטן.
- איידער די וואקסין, פלעגן ארום 100 מענטשן שטארבן יערליך אלס רעזולטאט פון טשיקענפאקס אין די פאראייניגטע שטאטן.

א טשיקענפאקס וואקסין קען פארמיידן טשיקענפאקס.

מערסטנס מענטשן וועלכע באקומען די טשיקענפאקס וואקסין וועלן נישט באקומען טשיקענפאקס, אבער אויב איינער וואס איז געווארן וואקסינירט באקומט דאס יא, איז עס געווענליך זייער מילד. זיי וועלן האבן עטליכע בליסטערס. זיי זענען ווייניגער אויסגעשטעלט צו האבן פיווער, און וועלן זיך ערהוילן שנעלער.

## 2 ווער זאל באקומען די טשיקענפאקס וואקסין און ווען?

### געווענליך

קינדער וועלכע האבן קיינמאל נישט געהאט טשיקענפאקס זאלן באקומען 2 דאזעס פון טשיקענפאקס וואקסין ביי די פאלגנדע עלטער:

ערשטע דאזע: 12-15 מאנאטן

צווייטע דאזע: 4-6 יאר אלט (קען געגעבן ווערן פריער אויס עס איז אמווייניגסטנס 3 מאנאטן נאך די ערשטע דאזע)

מענטשן פון 13 יאר און העכער (וועלכע האבן קיינמאל נישט געהאט טשיקענפאקס אדער באקומען טשיקענפאקס וואקסין) זאלן באקומען צוויי דאזעס אפגערוקט מיט ווייניגסטנס 28 טעג.

### נאכיאגן

סיי ווער עס איז נישט פולשטענדיג וואקסינירט, און האט קיינמאל נישט געהאט טשיקענפאקס, זאל באקומען איינס אדער צוויי דאזעס פון טשיקענפאקס וואקסין. ווען די דאזעס זאלן געגעבן ווערן איז געוואנדן אין די עלטער פון דעם מענטש. פרעגט אייער פארזארגער.

טשיקענפאקס וואקסין קען געגעבן ווערן אין די זעלבע צייט ווי אנדערע וואקסינען.

> באמערקונג: א "קאמבינאציע" וואקסין וואס ווערט אנגערופן MMRV, וועלכע אנטהאלט סיי טשיקענפאקס און סיי MMR וואקסינען, קענען געגעבן ווערן אנשטאט צוויי באזונדערע וואקסינען, פאר מענטשן פון 12 יאר אלט און אינגער.

## 3 געוויסע מענטשן זאלן נישט נעמען די טשיקענפאקס וואקסין אדער זאלןווארטן

- מענטשן זאלן נישט באקומען די טשיקענפאקס וואקסין אויב זיי האבן אמאל געהאט א לעבנס-דראענדע אלערגישע רעאקציע צו א פריערדיגע דאזע פון טשיקענפאקס וואקסין אדער צו דזשעלעטין אדער די אנטיביאטיק ניאמייסין.
- מענטשן וועלכע זענען מעסיג אדער ערנסט קראנק אין די צייט וואס זיי דארפן נעמען די וואקסין, זאלן געווענליך ווארטן ביז זיי ערהוילן זיך איידער זיי נעמען די טשיקענפאקס וואקסין.
- שוואנגערדיגע פרויען זאלן ווארטן צו באקומען די טשיקענפאקס וואקסין ביז נאכדעם וואס דאס קינד ווערט געבוירן. פרויען זאלן נישט ווערן שוואנגערדיג פאר 1 מאנאט נאכן באקומען די טשיקענפאקס וואקסין.
- געוויסע מענטשן זאלן איבעררעדן מיט זייער דאקטאר אויב זיי זאלן נעמען די טשיקענפאקס וואקסין, אריינגערעכנט סיי ווער וואס:
  - האט HIV/AIDS אדער א אנדערע קרענק וועלכע באווירקט די אימיון סיסטעם
  - ווערט באהאנדעלט מיט מעדעצינען וועלכע באווירקן דעם אימיון סיסטעם, אזוי ווי סטערוידס, פאר 2 וואכן אדער לענגער
  - האט סיי וועלכע סארט קענסער
  - באקומט קענסער באהאנדלונג מיט ראדיאציע אדער מעדעצינען
- מענטשן וועלכע האבן געהאט לעצטענס א בלוט-איבערגיסונג אדער זענען געגעבן געווארן אנדערע בלוט פראדוקטן זאלן פרעגן זייער דאקטאר ווען זיי קענען נעמען די טשיקענפאקס וואקסין.

פרעגט אייער פארזארגער פאר מער אינפארמאציע.

## 4 וואס איז די ריזיקעס פון טשיקענפאקס וואקסין?

א וואקסין, אזויווי אנדערע מעדעצינען, קען מעגליך פאראורזאכן ערנסטע פראבלעמען, אזויווי ערנסטע אלערגישע רעאקציעס. די ריזיקע אז טשיקענפאקס זאל פאראורזאכן ערנסטע שאדן, אדער טויט, איז גאר קליין.

באקומען די טשיקענפאקס וואקסין איז פיל מער זיכערער ווי באקומען די טשיקענפאקס קרענק. מערסטנס מענטשן וועלכע באקומען די טשיקענפאקס וואקסין האבן נישט קיינע פראבלעמען דערמיט. די מעגליכקייט פון רעאקציע איז געווענליך מער נאך די ערשטע דאזע ווי נאך די צווייטע.

### מילדע פראבלעמען

- וויטאגן אדער שוועלן אויפן פלאץ פון די שטעך (ארום 1 פון 5 קינדער און אזויפיל ווי 1 פון 3 עלטערע קינדער אדער ערוואקסענע)
- פיווער (1 פון 10 מענטשן אדער ווייניגער)
- מילדע אויסשלאגן, ביז א מאנאט נאך די וואקסינאציע (1 פון 25 מענטשן). עס איז דא די מעגליכקייט אז די מענטשן זאלן אנשטעקן אנדערע מענטשן פון זייער הויזגעזונד, אבער דאס איז גאר זעלטן.

### מעסיגע פראבלעמען

- סיזשער (ווארפרייען אדער גליזן) פאראורזאכט דורך פיווער (זייער זעלטן).

### ערנסטע פראבלעמען

- לונגען אנצונדונג (זייער זעלטן).

אנדערע ערנסטע פראבלעמען, אריינגערעכנט ערנסטע מח רעאקציעס און א נידריגע בלוט קאונט, זענען באריכטעט געווארן נאך טשיקענפאקס וואקסינאציע. דאס פאסירט אזוי זעלטן אז עקספערטן קענען נישט זאגן צו דאס קומט פון די וואקסין אדער נישט. אויב יא, איז דאס גאר זעלטן.

באמערקונג: די ערשטע דאזע פון **MMRV** וואקסין איז געווארן פארבינדן מיט אויסשלאגן און העכערע פיווער ראטעס ווי MMR און ווריסעלע וואקסין וואס ווערן געגעבן באזונדער. אויסשלאגן זענען באריכטעט געווארן אין ארום 1 פון 20 מענטשן און פיווער אין ארום 1 פון 5. סיזשערס געברענגט דורך פיווער ווערט אויך באריכטעט מער אפט נאך MMRV. דאס פאסירט געווענליך צווישן 5-12 טעג נאך די ערשטע דאזע.

## 5 וואס צו טוען אויב עס איז דא א מעסיגע אדער ערנסטע רעאקציע?

### אויף וואס זאל איך האלטן א אויג?

- סיי וועלכע אומגעווענליכע צושטאנד, ווי למשל הויכע פיווער, שוואכקייט, אדער אויפירונג טוישינגען. צייכנס פון א ערנסטע אלערגישע רעאקציע קען אריינעמען, אטעמען שוועריקייטן, האורסענעס אדער וועזינג, הייווס, שוואכקייט, א שנעלע הארץ קלאפעניש אדער שווינדלעניש.

### וואס זאל איך טוען?

- **רופט** א דאקטאר, אדער טראגט דעם מענטש צו א דאקטאר ווי אמשנעלסטן.
- **זאגט** אייער דאקטער וואס האט פאסירט, די טאג אין צייט ווען עס האט פאסירט, און ווען די וואקסינאציע איז געגעבן געווארן.
- **בעט** אייער פארזארגער צו באריכטן די רעאקציע דורך פיילן א וואקסין עדווערס עיווענט ריפארטינג סיסטעם (Vaccine Adverse Event Reporting System, VAERS) בויגן. אדער קענט איר פיילן דעם ריפארט דורך די VAERS וועבזייטל אויף **www.vaers.hhs.gov**, אדער דורך רופן **1-800-822-7967**.

VAERS שטעלט נישט צו מעדעצינישע ראט.

## 6 די נאציאנאלע וואקסין שאדן קאמפענסאציע פראגראם

א פעדעראלע פראגראם איז אויפגעשטעלט געווארן צו העלפן מענטשן וועלן האבן מעגליך געליטן שאדנס פון א וואקסין.

פאר דעטאלן איבער די נאציאנאלע וואקסין שאדן קאמפענסאציע פראגראם (National Vaccine Injury Compensation Program), רופט **1-800-338-2382** אדער באזוכט זייער וועבזייטל אויף **www.hrsa.gov/vaccinecompensation**.

## 7 וויאזוי קען איך וויסן מער?

- פרעגט אייער פארזארגער. זיי קענען אייך געבן די וואקסין פעקעדזש ביכל אדער פארשלאגן אנדערע אינפארמאציע קוועלער.
- רופט אייער לאקאלע אדער סטעיט העלטה דעפארטמענט.
  1-888-767-4687
- פארבינט אייך מיט די צענטער פאר דיזיעס קאנטראל און פארמיידונג (Centers for Disease Control and Prevention, CDC):
  - רופט **1-800-232-4636 (1-800-CDC-INFO)**
  - באזוכט די CDC וועבזייטל אויף **www.cdc.gov/vaccines**

DCH-0451Y
AUTH: P.H.S., Act 42, Sect. 2126.

DEPARTMENT OF HEALTH AND HUMAN SERVICES
CENTERS FOR DISEASE CONTROL AND PREVENTION

Vaccine Information Statement (Interim)
Varicella Vaccine IMM-494YD – Yiddish (3/13/08) 42 U.S.C. §300aa-26
Translated by Transcend Translations, Davis, CA www.transcend.net

כדי צו ערלויבן מעדיקאל קעיר פארזארגער צו האבן גענויע אימוניזאציע סטאטוס אינפארמאציע,וואויך צו מאכן אן אימוניזאציע אפשאצונג און א רעקאמענדירטע שעדיול פאר צוקונפטיגע אימוניזאציעס, וועט אינפארמאציע געשיקט ווערן צו מישיגאן סטעיט קעיר אימפראוומענט רעדזשיסטרי. יחידים האבן די רעכט צו פארלאנגען אז זייערע מעדיקאל קעיר פארזארגער זאל נישט שיקן אימוניזאציע אינפארמאציע צו די רעדזשיסטרי.